# לעקסיקאן
# פון יידישן טעאטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון

**זלמן זילבערצווייג**

פערטער באַנד

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער

יידישער אַקטיאָרן יוניע אין אַמעריקע

פאַרלאַג „אלישבע״

ניו־יאָרק, 1963

# קרעמער, איזאַ

[געב. 1887 — געשט. 7 יולי 1956]



געבוירן 1887 אין בעלז, בעסאַראַביע. דאָ האָט זי — לויט ירדני:

„אירע ערשטע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט און האָט אין זיך איינגעזאַפּט די קלאַנגען פון דעם געזונטן, זאַפטיקן בעסאַראַבער יידישן לשון, וועלכער קלינגט אַזוי פּערלדיק־שנירלדיק, האַרציק־זיס אין איר געבוירן־זינגעריש מויל. פון קליינערהייט אָן איז זי געווען פאַרליבט אינם לעבן, און ווי אַן אייביק־פאַרליבטע איז זי שטענדיק געווען אויפגעלייגט און צוגעלאָזן צו מענטשן. די מונטערקייט פונם בעסאַראַבער יידן האָט אויף אַ מערקווירדיקן אופן פון איר לויטער אַרויסגעקוועלט, און זי האָט שטענדיק נאָר געזונגען".

אין עלטער פון 12 יאָר האָט זי זיך מיט אירע עלטערן אַריבערגעטראָגן קיין אָדעס. דאָ האָט זי אָנגעהויבן אָפּט באַזוכן קאָנצערטן, אָפּערע־פאָרשטעלונגען און טעאַטער, און אַהיימקומענדיק, פלעגט זי קאָפּירן וואָס זי האָט געזען און איבערזינגען וואָס זי האָט געהערט. דער פאָטער, אַ סוחר, הגם ניט קיין פאַרמעגלעכער, באַשליסט צו מאַכן פון איר אַן אָפּערע־זינגערין און צוליב דעם צוועק שיקט ער זי שטודירן קיין איטאַליע, וואו זי האָט געלערנט 4 יאָר. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אויפטרעטן אויף קאָנצערטן, דער עיקר דערפאַר ווייל דעם פאָטערס געשעפטן זיינען אַוועק שלעכט און זי האָט מער ניט געקאָנט דערוואַרטן קיין מאַטעריעלע הילף פון אים, און געמוזט זיך אַליין אויסהאַלטן מיט דער מוטער, וועלכע איז געווען מיט איר אין איטאַליע.

איר ערשטער אויפטריט אין דער אָפּערע איז געווען אין מילאַן, אין אָפּערע־הויז, אין פּוטשיניס „לאַ באָהעם" מיט אַ קנאַפּן דערפאָלג, ווייל איר שטימע איז ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר אָפּערע.

אין 1914 קערט זיך ק. צוריק קיין אָדעס און שפּילט דאָרט צוויי יאָר אין דער אָרטיקער אָפּערע. דאָ ערשט האָט זי אַליין אויסגעפונען, אַז איר טאַלאַנט אַלס זינגערין ליגט ניט אין אָפּערע־אַריעס, און זי ווידמעט זיך צו פאָלקס־לידער, אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. ק. האָט דאָ חתונה מיטן יידיש־רוסישן פּובליציסט ישראל חפץ. איר ערשטן קאָנצערט פון פאָלקס־לידער האָט ק. געגעבן אין מאָסקווע און דער דערפאָלג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. פון רוסלאַנד איז זי געפאָרן קיין טערקיי און שפּעטער אויפגעטראָטן אין פּוילן, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער. אומעטום האָט זי באַקומען באַגייסטערטע אויפנאַמעס. מ'האָט וועגן איר אַ סך געשריבן און די קריטיק האָט איר ניט געקאַרגט קיין לויב־געזאַנגען.

אין 1922 איז ק. געקומען אין אַמעריקע, און דאָ זיינען אירע קאָנצערטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן טריומף. ערשט דאָ האָט זי געפונען פאַר זיך אַ גרויסע יידישע צוהערערשאַפט. זי האָט אויף אירע קאָנצערטן איבער אַ סך שטעט און שטעטלעך פון גאַנצן לאַנד און אויך קאַנאַדע ממש באַצויבערט הונדערטער טויזנטער באַזוכער מיט די פאָלקס־לידער פון פאַרשידענע פעלקער, אָבער מער פון אַלץ מיט די יידישע פאָלקס־לידער.

מ. אַשעראָוויטש כאַראַקטעריזירט זי אַזוי:

„הערן איזאַ קרעמער זינגען יידישע פאָלקס־לידער איז ביי דער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע געוואָרן פּונקט ווי אַ מוז. מען האָט מיט דעם געמאָסטן ביי יענעם די ליבשאַפט צו יידישער פאָלקס־מוזיק און דעם געפיל צו יידישן פאָלקס־שאַפן. און נאָך יעדן קאָנצערט אירן האָבן יידישע לידער פון איר רעפּערטואַר זיך אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט אין די קרייזן, וואו זי האָט מיט איר קומען קיין אַמעריקע אַ ניי לעבן אַריינגעבראַכט און אַלטע בענקעניש אָפּגעפרישט.

און עס איז געווען, קאָן מען זאָגן, ניט אַזוי דאָס זינגען די לידער ווי דער אופן ווי זי האָט זיי אויסגעטייטשט. אין דעם האָט זי דאַן ממש טאַקע קיין גלייכן ניט געהאַט צו זיך, און דערביי איז דער עיקר געווען די איינפאַכקייט, וואָס זי האָט ביים זינגען אַ יידיש פאָלקס־ליד אַזוי שיין צוגעפּוצט מיט קינסטלערישן גלאַנץ. דאָס איז ביי איר מערסטנטיילס אַרויסגעקומען אַזוי נאַטירלעך, אַז עס איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן צי זי אַליין האָט גאָר אַ באַגריף וועגן דעם ווי אַזוי זי טוט עס און צוליב וואָס זי טוט עס".

ד. פלאַט שרייבט:

„זי האָט ניט געהאַט, וואָס מען רופט ‚אַן ערשט־קלאַסיקע שטים', זי האָט אָבער געהאַט אויך אַ טאַלאַנט פאַר שוישפּיל. זי פלעגט באַגלייטן איר זינגען מיט שוישפּיל. דער עולם האָט ליב געהאַט איר פּשטות, איר היימישקייט, איר פעאיקייט אַרויסצוברענגען אַ ליד מיט אַ חוש פאַר הומאָר און מיט אַ לעבעדיקער דראַמאַטישער קונסט".

דער זינגער און מוזיקאָלאָג מ. ירדני שרייבט:

„פון אַלע פאָלקס־לידער, וואָס זי האָט געזונגען, האָט זי די יידישע פאָלקס־לידער געזונגען אַמשענסטן. אַמשענסטן, ווייל אַמנאָנטסטן צו איר האַרצן, צו איר נשמה, צו אירע געפילן און צו איר געמיט. איר גאַנץ ליב־און־לעבן האָט זי אַריינגעגעבן אין די צעלן פון די יידישע פאָלקס־לידער... עס האָבן דורך איזאַ קרעמערס מויל אַרויסגעזונגען גאַנצע שטעטלעך מיט יידישע מיידלעך, וועמענס פרייד און געלעכטער, צער און געוויין, באַהאַלטענע ליבעס, צאַרטער באַריר, חתנישע שעפּטשערייען, וואַרעמע גלעטן, פאַרבאָרגענע קושן, האַרץ־קלעמעניש, טראַגישע מיידלשע איבערלעבונגען, פאַלשע פאַרשפּרעכונגען, ליגנערישע צוזאָגונגען, פאַרלאָרענע יוגנט, פאַרזעסנקייט, ביטערער גורל — אָט דאָס אַלץ האָט ביז גאָר אויף אַ מערקווירדיקן אופן אָפּגעקלונגען אין אונדזערע אויערן און טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזער אַלעמענס הערצער. איזאַ קרעמער איז געווען די פיר־זאָגערין פון די קליין־שטעטלדיקע יידישע מיידלעך, די היימישע כשרע יידישע טעכטער, פּונקט ווי די אַמאָליקע פיר־זאָגערינס אין דער ווייבערשער שול. זי האָט דאָס פּשוטע יידישע פאָלקס־ליד אָנגעטאָן דעם שענסטן קינסטלערישן טראַכט, וואָס קאָן נאָר געמאָלט זיין.

צו אַלע טויזנט חנען און פאַרבן פון אונדזער יידישן צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלקס־ליד, האָט די באַרימטע זינגערין מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן נאָמען צוגעטראָגן אויך איר חן און קאָליר — דעם קאָליר פון דער פעטער בעסאַראַבישער ערד און די קלאָרע דורכזיכטיקע בלויע בעסאַראַבישע הימלען. אַזוי באַטעמט קומט ביי איר אַרויס דאָס יידישע לשון. אַזויפיל חן־קוואַלן זיינען דורך איר צעעפנט געוואָרן אין די טיפן און אין די שפּאַלטן פון דעם יידישן פאָלקס־ליד. אַזאַ באַהויכטקייט, קלינגעוודיקייט און שפּילעוודיקייט, אַז ס'איז ממש צו באַוואונדערן איר גרויסן טאַלאַנט.

אין איזאַ קרעמערס שטייגער־זינגען איז פאַרהאַן האַלב־געזאַנג, האַלב־שפּיל. זי פאַרמאָגט ניט קיין צו הויכן טאָן, אָבער אַזאַ בויגעוודיקייט, אַזעלכע לייכטע פעדערדיקע איבערגאַנגען, אַזויפיל פיינע ניואַנסן און צאַרטע קנייטשן, אַזאַ דין אַריינהעפטן זיך פון קלאַנג אין קלאַנג, און אַזאַ וואַרעמקייט, וואָס נעמט אייך דורך

מיט אַ טעם, ווי איר וואָלט געטרונקען היימיש־געמאַכטן אַלטן ווײַן".

**ח. יאַפּע כאַראַקטעריזירט זי אַזוי:**

„אַ קליין־געוויקסיקע, דאַרע פרוי, האָט איר רונד, בלייך פּנים אויפגעלויכטן מיט אַ יוגנט־ליכט און די גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעפלאַמט און אָנגעצונדן די בינע — אָנגעצונדן דאָס פּובליקום. יעדעס וואָרט האָט אָפּגעקלונגען ווי פון אַ פײַן־פּאָלירטן גלאָק, מיט אַן עכאָ, וואָס האָט איבערגעלאָזט דעם אינהאַלט און דעם קלאַנג, מיט דעם פּאַטאָס און דעם הומאָר און אַ קינסטלערישן טאָקטאַל.

איזאַ קרעמער פלעגט קרוב דריי שעה נאָכאַנאַנד אָנפילן און אויספילן די בינע: דער ברען פון די אויגן, די קרישטאָל־קלאָרקייט פון דער דיקציע, די פּלאַסטישע באַוועגונגען פון די הענט, וועלכע האָבן עקספּאַנסיוו אַקאָמפּאַנירט דעם קול; דער הומאָר, וואָס האָט באַזאַלצן, און דער פּאַטאָס, וואָס האָט באַטרערנט דאָס ליד — האָבן געבראַכט דאָס גאַנצע לאַנדשאַפט פון דעם פאָלקס־מאָטיוו פאַר די אויגן. צי ס'איז געווען אַ רוסישער ראָמאַנס, צי אַ היימיש דינסט־מיידל־ליד, צי אַ וויג־ליד פון אַ פּראַנצויזישער פּויערטע. זי האָט אָנגעווענדעט בלויז איין קלייניקייט אין אויסערלעכער בינע־טעכניק: מיט אַ נאָז־טיכל האָט זי אילוסטרירט אַ געזעגענונגס־ליד, מיט אַ קאָפּ־טיכל — אַ יידענע, מיט אַ לענטע — אַ פּויערן־מיידל. ווייטער האָט זי פאַרגעשטעלט איר גאַלערע פון טיפּן און מאָטיוון אין עלעגאַנטע, שימערירנדיקע אָוונט־קליידער, וועלכע האָבן אַלע מאָל אַקצענטירט דאָס ליכט אין אירע אויגן; דעם גלאַנץ פון אירע פּעך־שוואַרצע האָר און דעם סילועטן־באַלעט פון אירע ווײַסע, גראַציעזע אָרעמס".

**ווען אירע קאָנצערטן אין לאָנדאָן, דריקט זיך אויס מאָריס מייער:**

„זינגט זי אַ ליד, ווערט איר אימפּרעסיאָנירטער פּנים אַ גאַנצע גאַלערע פון מענטשלעכע כאַראַקטער־שטריכן און אויסדריקע פון עמאָציעס. זי ברענגט אַרויס ניט נאָר די קלאַנגען, און ניט פּשוט די געפילן, נאָר אויך נשמה־וויברירונגען, און הויפּטזעכלעך דאָס בילדלעכע, וואָס געפינט זיך אין אַ ליד. אַ קנייטש פון אַ פּנים, אַ זשעסט, אַ באַוועגונג פון קערפּער, און אַ קינסטלערישער דריידל אין די טענער, און ס'ערשיינט פאַר די אויגן ניט נאָר די זינגערין, וואָס זינגט, נאָר יענער כאַראַקטער פון וועלכן זי זינגט; און ניט נאָר די פּערזאָן, נאָר אויך די אומגעבונג... איזאַ קרעמער איז אַ קליינינקע, אָבער איר באַהערשן די בינע איז איינפאַך אַ פענאָמען. זי ערשיינט ווי אַ קאָלאָס".

**אין משך פון 16 יאָר זינט דאַמאָלט זײַנען אַלע אירע קאָנצערטן געווען ריזיקע דערפאָלגן. זי איז אייניקע מאָל צוריקגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האָט אייניקע מאָל באַזוכט אייראָפּע.**

**צוליב דער פּאָליטישער לאַגע אין דייטשלאַנד, איז געקומען אַן ענדערונג אין איר טוּר, און זי האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן דזשייקאָבס און בייטען גאָלדבערג אויפצוטרעטן אויף דער יידישער בינע, אין זייער „נעשאָנאַל טעאַטער". אין אַ געשפּרעך מיט חיים עהרענרייך, האָט ק. דערקלערט, אַז זי האָט געזאָגט צום מחבר פון דער פּיעסע, אַז זי וויל, אַז אַלע, וואָס באַטייליקן זיך אין דער פּיעסע זאָלן האָבן גוטע ראָלן צו שפּילן, אַז ער זאָל זאָרגן פאַר דער גאַנצקייט פון שטיק און ניט וועגן דער גרויס פון די ראָלן, און עהרענרייך ציטירט איר „אני מאמין" וועגן יידישן טעאַטער:**

„מיטן גאַנצן האַרצן האָף איך צו קאָנען בײַטראָגן עפּעס צו דעם יידישן טעאַטער. ער איז מיר ליב אַזוי ווי דאָס יידישע ליד איז מיר ליב. ער איז איצט דער טעמפּל וואו עס לעבן זיך אויס די יידישע פאָלקס־מאַסן. האָף איך, אַז מיר וועט געלינגען אים אַ ביסעלע פאַרשענערן און פאַרפיינערן און צוציען צו אים אויך אַנדערע צושויער, וועלכע באַזוכן אים נאָך ניט".

**דעם 1 אָקטאָבער 1932 איז אין „נעשאָנאַל טעאַטער" אויפגעפירט געוואָרן „דאָס ליד פון דער געטאָ", אָפּערעטע פון וויליאַם סיגעל, מוזיק פון אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי, אין וועלכער ק. האָט דעביוטירט אַלס די זינגערין „מירעלע" [זינגענדיק, צוזאַמען מיט לעאָן גאָלד, צום ערשטן מאָל, דאָס שפּעטער וועלט־באַרימט געוואָרענע ליד „בעלז"].**

**אב. קאַהאַן האָט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטע רעצענזיע, וועלכע ער הייבט אָן מיט אַ קורצער איבערזיכט איבער איר קאַריערע:**

„אָנגעפאַנגען האָט זי איר קאַריערע אין אָדעס, און טאַקע אין אַן אָפּערעטע, אָבער אין אַ רוסישע[ר]. דערנאָך איז זי איבערגעגאַנגען אויף דעם קאָנצערטן־סטעידזש [בינע]. זי האָט געזונגען רוסישע לידער און געמאַכט אַן אומגעהויערן ,היט' [דערפאָלג], דערנאָך האָט זי אין איר רעפּערטואַר אַרייַנגענומען פראַנצויזישע לידער, איטאַליענישע לידער, דייטשע, רומענישע און שפּעטער — יידישע. אין וועלכן לאַנד זי פלעגט קומען, האָט אַ ריזיקער עולם מיט אומגעדולד ערוואַרט אירע פאָרשטעלונגען [אַרויסטריטן]. אומעטום האָט זי אַרויסגערופן די גרעסטע באַגייסטערונג.

אום צו געבן אַ בײַשפּיל פון דעם צויבער, וואָס איר זינגען האָט געהאַט אויפן עולם, וועט זײַן גענוג צו ברענגען דעם פאָלגנדיקן פאַקט: די טערקן און גריכן, וואָס וואוינען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פלעגן נאָכזינגען איר יידיש ליד ,לאָמיר זיך איבערבעטן', טאַקע אויף יידיש. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט די ווערטער, און ווען איזאַ קרעמער פלעגט אַרויפקומען אויף דער בינע, פלעגן זיי שרייען צו איר די יידישע ווערטער מיט אַ טערקישן אָדער גריכישן אַקצענט: ,לאָמיר זיך איבערבעטן', ,לאָמיר זיך איבערבעטן'.

ענדלעך איז איזאַ קרעמער געקומען קיין אַמעריקע און מיר האָבן אַלע געפילט דעם צויבער פון איר זינגען און שפּילן אויף דער בינע. איך ברויך דאָ דאָס וואָרט ,שפּילן', ווייל איזאַ קרעמער איז ניט גלאַט אַ זינגערין. זינגענדיק מאַכט זי מינעס, העוויות, און אויך באַוועגונגען מיט די הענט און מיט דעם גאַנצן קערפּער, וועלכע שאַפן פיגורן, דריקן אויס באַוועגונגען פון די סצענעס, וועלכע זי שטעלט פאָר. עס קומען אַרויס אומבאַשרייבלעכע בילדער. די שוישפּילער־קראַפט ווערט צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם אומגעהויערן חן פון איר בינע־פּערזענלעכקייט און פון איר זינגען. פאַר אונדז יידן, יידישע יידן פון דער אַלטער היים, איז אימער געווען אָנגענעם צו הערן אירע יידישע לידער. דעם, וואָס שרייבט דיזע שורות, וואָלט קיינמאָל ניט מאוס געוואָרן הערן ווי זי זינגט און שפּילט ,מחותנים גייען', ,לאָמיר זיך איבערבעטן', און בײַ אַ טוץ אַנדערע יידישע לידער. איר חן איז אַן אייגנאַרטיקער, אַן אומפאַרגלײַכלעכער. ער דרינגט דורך איר געזאַנג, אירע מאַניערן ...עס איז אָבער ניט בלויז חן, עס איז אַ חן, וואָס איז די נשמה פון קונסט, טאַלאַנט".

**און איבערגייענדיק וועגן איר דעביוט אין דער אָפּערעטע, שרייבט אב. קאַהאַן:**

„איינע פון די זאַכן מיט וועלכע זי צייכנט זיך אימער אויס, זײַנען די קאָסטיומען, וואָס זי טראָגט אויף דער בינע. ווידער אַ מערקווירדיקער חן. ...די קליידער זײַנען אָבער ניט מער ווי אַ ,פּיטשור' [אַ חלק] פון איר גאַנצן ,מעיק אַפּ' [גרים]. זי איז אינגאַנצן אָנגעטאָן אין גראַציע און חנודיקייט.

אַז זי שפּילט איר ראָלע גלענצנד אין דער אָפּערעטע, איז איבעריק צו זאָגן. אַנדערש ווי גלענצנד קאָן איזאַ קרעמער ניט שפּילן — גלענצנד און צויבערפול. אָבער אַ חוץ דעם, זינגט זי נאָך איניקע פון די יידישע לידער מיט וועלכע זי איז באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט ... נאָך אַ יידיש ליד, אַן איטאַליעניש ליד און אַ רומעניש ליד. אין דער פּיעסע שפּילט זי די ראָלע פון אַ יידישער מיידל מיט דעם נאָמען מירעלע, וועלכע איז געוואָרן אַ באַרימטע זינגערין אין דייטשלאַנד".

אַביסל מער רעזערווירט איז וויליאַם עדלין:

„וואָס איז שייך צום הויפּט־סטאַר — איזאַ קרעמער, קאָן מען נאָך ניט זאָגן, אַז זי האָט זיך שוין איינגעלעבט אויף דער יידישער בינע. איר יידיש ריידן איז גוט, אָבער עס פילט זיך ביי איר אַ ניט־זיכערקייט אין דער באַוועגונג אויף דער בינע. זי איז עלעגאַנט אין קליידונג און אויסזען, און זי זינגט מיט איר געוויינלעכן קינסטלערישן חן. אין איין נומער טאַנצט זי זאָגאַר צוזאַמען מיטן כאָר, אָבער אַלס אַקטעריסע איז זי נאָך אַ ביסל צו שטייף אין איר האַלטונג, עפּעס ווי זי וואָלט געווען אַ באַזונדער וועלטל פאַר זיך. דאָס קומט נאַטירלעך פון דעם, וואָס זי איז אַזויפיל יאָרן געוועהנט צו זיין מיט איר איינציקער פּערזאָן די גאַנצע פאָרשטע־לונג. מיט דער צייט וועט אָט די אָפּגעזונדערטקייט געוויס פאַר־שווינדן. דעם עולם אין טעאַטער איז זי זייער שטאַרק געפעלן, און נאָך דער סצענע, ווען אַלס העלדין פון דער האַנדלונג, גיט זי אָפּ אַ קאָנצערט, קריגט זי גוט־פאַרדינטע אָוואַציעס".

אָבער ניט געקוקט אויף דעם גוטן פּרעסע־אָפּרוף און די וואַרעמע אויפנאַמע פון עולם, האָט זיך די פּיעסע לאַנג ניט געהאַלטן אויף דער בינע און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט ק.׳ס פּרוב אַלס יידישע אַקטעריסע. [דער דירעקטאָר דזשייקאָבס דערקלערט, אַז די פּיעסע איז ניט אַראָפּגענומען געוואָרן, נאָר דאָס טעאַטער איז בכלל פאַר־מאַכט געוואָרן צוליב אַ סכסוך מיט דער אַקטיאָרן־יוניע].

אין 1938 האָט ק. חתונה געהאַט מיטן פּסיכיאַטאָר דר. גריגאָרי בערמאַן אין אַרגענטינע און דאָרט געמאַכט איר היים, אָבער פון דאָרט אָפט אַרויסגעפאָרן איבער דער וועלט אויף קאָנצערט־טורס, אויך באַזוכט ארץ־ישראל.

שרייבנדיק וועגן אירע קאָנצערטן אין אַרגענטינע, סומירט שמואל ראָזשאַנסקי:

„די קאָנצערטן פון דער גרעסטער יידישער פאָלקלאָריסטין איזאַ קרעמער האָבן אַ שיכות צום יידישן טעאַטער אין באַאיינפלוסן די סביבה, הויבנדיק דעם ניוואָ פון וואָרט, מוזיק און גייסטיקער פּעריפעריע".

חיענאַ יאַפּע דערציילט ווי זי האָט אין פעברואַר 1954 באַזוכט ק. אין איר היים אין אַ שטילער פאָרשטאָט ביי די וואונדער־שיינע בערג אַרום קאָרדאָוואַ, אַרגענטינע. און ריידנדיק וועגן זינגען, האָט ק. זיך אויסגעדריקט:

„און זינגען? ... פאַרבענק איך זיך נאָך אַ ליד, לאַד איך איין געסט אַהער און איך זינג. און איך האָב שוין אַ גאַנצן רעפּערטואַר פון שפּאַנישע לידער. צוויי־דריי הונדערט געסט קומען. אויב ס׳איז אויף בילעטן, פאַלט אַריין אַ ביסל געלט פאַר אַ צוועק. אויב ניט, האָב איך הנאה פון זינגען פאַר פריינט".

פון ק.׳ס גרויסן רעפּערטואַר זיינען לכתחילה געוואָרן רעקאָרדירט ווי איינצלנע רעקאָרדס די לידער: „די מחותנים", „הצליחה נא", „רבנו תם", „אַ מיידל אין די יאָרן", „גיי איך מיר שפּאַצירן", „אַ מעשה", „שיין בין איך שיין", „מלוה מלכה", „אַ וויג־ליד", „אַ ליד פון אַ פייגעלע", „מזל־טוב", „די באַיקאַ", „לחיים רביניו", „לאָמיר זיך איבערבעטן" און „די פוילישע יידן".

אין 1962 איז דערשינען ק.׳ס אַלבאָם פון יידישע פאָלקס־לידער, וואָס אַנטהאַלט פאָלגנדיקע לידער: „ביין, מאַמע, ביין, מוטער", „זיץ איך מיר אין שטיבעלע", „פאָרט אַ חסידל", „גיי איך מיר שפּאַצירן", „אַ יינגעלע פון פוילן", „לאָמיר ביידע אַ ליבע שפּילן", „בין איך מיר אַ כלה", „זאָל איך זיין אַ רב", „אַ גנבה", „ביזט מיט מיר ברוגז", „לייג איך מיין קעפּעלע", „אוי, אַווראַם", „מייערקע, מיין זון", „לחיים, רביניו" און „אַ מעשה".

צום אַלבאָם איז צוגעגעבן אַ בראָשור, וואָס אַנטהאַלט, מיט לאַטיי־נישע אותיות, דעם טעקסט פון די לידער אין יידיש, ווי אויך אַן איבערזעצונג אין ענגליש.

דעם 7 יולי 1956 איז ק. געשטאָרבן אין קאָרדאָוואַ, אַרגענטינע.

ש. אַלמאַזאָוו שרייבט:

„... וואָס איז געווען דער עיקר אין איזאַ קרעמער, וואָס האָט געפירט צו דעם, אַז זי זאָל זיין אַזוי באַליבט ביי גרויסע מאַסן אומעטום? — קאָן דער ענטפער, דאַכט זיך, זיין איינער: זי האָט געקאָנט זינגען וועגן פרייד אַזוי, אַז אַ האַרץ זאָל מיטגעריסן ווערן און אָנהייבן קלאַפּן האַסטיקער אין דערהויבונג, און זי האָט גע־קאָנט אַזוי איבערגעבן אַ ליד פון זאָרג, אַז ס׳זאָל זיך דערפילן אַ טיפער וויטאָג און מיטלייד צו די, וואָס טראָגן־איבער ליידן. אַזאַ מיטלייד לייטערט מענטשן און אַזאַ פרייד גיט מוט און מאַכט דאָס לעבן שענער.

איזאַ קרעמער האָט אין איר לעבן געהאַט אַ סך, גאָר אַ סך דערפאָלג — פאַרדינטן דערפאָלג, נאָר זי איז געווען קלוג גענוג ניט צו דערלאָזן, אַז זי זאָל צוליב דעם פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס. אין פּריוואַטן לעבן איז זי געווען אַ ליבער, האַרציקער און פריינטלעכער מענטש. ס׳איז אויסגעקומען זי צו זען אין איר היים־אַטמאָספערע, אין איר צאַרטער און ממש רירנדער ליבע און געטריישאַפט צו איר אַלטן פאָטער, אין איר באַציאונג צו איר טאָכטער און איר געטריישאַפט צו איר ברודער. זי איז געווען אַ שיינער מענטש און אַ גרויסע קינסטלערין. אַ קאָמבינאַציע פון ביידע צוזאַמען איז אַ גרויס גליק!"


ג. ריוועסמאַן — ווער איז איזאַ קרעמער ?, „פאָרווי.", נ. י., 27 אָקט. 1922.

אב. קאַהאַן — איזאַ קרעמער׳ס ערשטער קאָנצערט אין אַמעריקאַ, דאָרט, 31 אָקט. 1922.

אַקסעל — נייע און אַלטע קינסטלער, „פאַ"ש", נ. י., 17 נאָוו. 1922.

מאָרריס מייער — איזאַ קרעמער און איהר זינגען אידישע ליעדער, „די צייט", לאָנדאָן, 11 מאַי 1925.

חיים עהרענרייך — אַ געשפּרעך מיט איזאַ קרעמער וועגען איהר שפּילען אין אידישען טעאַטער, „פאָרווי.", נ. י., 16 סעפּט. 1932.

וויליאַם עדלין — וואָס מען קאָן דערוואַרטען פון איזאַ קרעמער אויף דער אידישער ביהנע, „טאָג", נ. י., 24 סעפּט. 1932.

S. K.—"Song of the Ghetto," Has Isa Kremer in her First Role, "Daily News," N. Y., Oct. 3, 1932.

וויליאַם עדלין — דאָס ליד פון דער געטאָ, אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג", נ. י., 14 אָקט, 1932.

אב. קאַהאַן — איזאַ קרעמער אין אַ אידישער אָפּערעטע, „פאָרווי.", נ. י., 14 אָקט. 1932.

שמואל ראָזשאַנסקי — „דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע", בוענאָס איירעס, 1941, ז. 250.

מאָרריס מייער — „אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן", לאָנדאָן [1942], ז. 331.

דוד אַפּאָלאָוו — איזאַ קרעמער — די באַרימטע זינגערין און אויסטייטשערין פון פאָלקסליד, „דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 31 אָקט. 1944.

מ. ירדני — וועלט־באַרימטע אידישע קינסטלער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 26 סעפּט. 1947.